# סופרים קארט ריכטער סקאליא געשטארבן; היציגער פאליטישער קאמף ערווארט

דער ארכי-קאנסערוואטיווער ריכטער אנטאנין סקאליא איז געשטארבן אין זיין שלאף אין עלטער פון 79 יאר פון א הארץ אטאקע.

ער איז געווען א לעגענדאער פיגור אין די כמעט 30 יאר וואס ער איז געזעסן אויפ׳ן העכסטן געריכט אין וואשינגטאן, און מיט זיין טויט האבן די קאנסערוואטיוון פארלוירן זייער ענגע מאיאריטעט פון 5 צו 4. צוליב דעם האבן די רעפובליקאנער פרעזידענט קאנדידאטן פארלאנגט אז פרעזידענט אבאמא זאל נישט באשטימען א נאכפאלגער צום סופרים קארט, נאר דאס זאל פארבלייבן פאר׳ן קומענדיגן פרעזידענט. די רעפובליקאנער סענאט פירער האבן שוין געזאגט אז זיי וועלן נישט צולאזן צו באשטעטיגן א נייעם סופרים קארט ריכטער אויב פרעזידענט אבאמא וועט עמיצן נאמינירן, ווייל זיי פארלאנגען אז א ״לעים דאק פרעזידענט״, ד.מ., א פרעזידענט וואס האלט שוין ביים ענדע פון זיין קאדענץ זאל נישט באשטימען א סופרים קארט ריכטער וואס דאס איז פאר׳ן גאנצן לעבן פונעם ריכטער.

די קאנטראווערסיע האט אויך פארנומען א פראמינענט ארט מוצ״ש ביי די דעבאטע פון די רעפובליקאנער פרעזידענט קאנדידאטן.

סקאליא איז געווען אין טעקסאס, וואו ער איז האט אויסגעזען געזונט און שטארק פרייטאג צו נאכטס.

סקאליא איז געווען אויף א ״רענטש״ אין טעקסאס, וואו ער האט געהאט א שטיקל אורלויב אויף דעם לאנגען חגא וויקענד. דאנערשטאג איז ער געווען ביי א דאקטאר אויף אן אונטערזיכונג. פרייטאג צו נאכטס איז געווען א פארטי וואו סקאליא האט מיטגעהאלטן כאטש נישט אזוי לעבעדיג ווי געווענליך. ארום 9 אזייגער האט ער געזאגט פאר די געסט אז ער איז מיד און גייט זיך לייגן. צופרי ווען ער איז נישט אראפגעקומען צו פרישטאג, האט מען געבעטן די האטעל ארבייטער צו גיין אין זיין צימער, און זיי האבן געזען אז ער איז שוין געשטארבן אין זיין שלאף.

ער וואלט אלט געווארן 80 יאר אין מערץ. ער האט איבערגעלאזט זיין פרוי פון 55 יאר, ווי אויך 9 קינדער און 28 אייניקלעך.

באגריסונגען זענען באלד אריינגעקומען פון די גאנצע וועלט, ווייל יעדער האט באוואונדערט זיינע לעגאלע פעאיגקייטן אפילו די וואס האבן געהאלטן אידעלאגיש אנדערש פון אים.

מ׳האט באטראכט סקאליא ווי איינער פון די שארפסטע קעפ אין די היסטאריע פונעם סופרים קארט. אן אפשטאמיגער פון ניו דזשוירזי, האט ער געהאט א גלענצענדע אקאדעמישע קאריערע, וואס אין א געוויסן קאלעדזש האט ער אפילו געפארטיגט מיט די העכסטע צייכענונגען וואס מ׳קען נאר באקומען, זייענדיג דער בעסטער פון אלע וואס האבן גראדואירט.

ער איז נאמינירט געווארן דורך פרעזידענט רעיגען צום פעדעראלן אפעלאט געריכט אין וואשינגטאן אין 82׳, און 4 יאר שפעטער האט אים רעיגען נאמינירט צום סופרים קארט.

אלס א ריכטער אויפ׳ן העכסטן געריכט האט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין פשרה׳לאזן קאנסערוואטיוון צוגאנג, זיין שנעלן מח און שארפע צינג. עס האט אים געפאסט זיך אויס׳טענה׳ן מיט אדוואקאטן און האט זיך קיינמאל נישט באנוצט מיט זיין ריכטער סטאטוס, וואס עס טרעפט זיך אמאל ווען א ריכטער טענה׳ט מיט אן אדוואקאט און דער ריכטער וויל עס אפשטעלן, צי ווייל ער ווערט שוין מיד אדער ווייל דער אדוואקאט טענה׳ט בעסער, וועט דער ריכטער דערמאנען דעם אדוואקאט אז ער איז באלעבאס דא, ער איז דער ריכטער, אבער נישט סקאליא. ער פלעגט טענה׳ן מיט די אדוואקאטן ווי קאלעגעס טענה׳ן זיך אויס.

פרעזידענט אבאמא האט באלד נאך סקאליא׳ס טויט, וואס איז באקאנט געווארן ערשט שפעט נאכמיטאג, אויסגעדריקט באדויערן אויף דעם פארלוסט, ארויסהויבענדיג די אייגנארטיגע אייגנשאפטן פון דעם ריכטער. אבאמא האט גלייכצייטיג אויך געמאלדן אז ער וועט ערפילן די קאנסטיטוציאנאלע פליכטן פון א פרעזידענט, צו נאמינירן א סופרים קארט ריכטער, און ער ערווארט אז דער סענאט זאל ערפילן די פליכטן גיך צו ברענגען צו אן אפשטימונג אזא נאמינאציע.

פארשטייט זיך אז דאס איז איצט געווארן א הויפט טעמע אין די פאליטישע וועלט, וואס די רעפובליקאנער סענאטארן וועלן בשום אופן נישט צולאזן אז אבאמא זאל באשטימען א ליבעראלן ריכטער, אז די מאיאריטעט פון סופרים קארט זאל אריבערגיין צו די ליבעראלן. דאס וועט אבער אויך זייער גוט אריינשפילן אין די הענט פון די דעמאקראטן אין דעם איצטיגן וואל קאמפיין, ווייל עס וועט מאביליזירן די דעמאקראטישע וויילער - אפילו ליבעראלע וויילער וואס זענען אנטוישט אין פרעזידענט אבאמא אדער וועלן נישט זיין ענטוזיאסטיש צו שטימען פאר קלינטאן אויב זי געווינט די נאמינאציע - אז זיי וועלן איינזען און וועלן פארשטיין אז עס איז וויכטיג פאר זיי צו האבן ריכטער וואס זענען סימפאטיש צו די ליבעראלע מיינונגען, וואס צוליב דעם דארפן זיי ארויסגיין אין די מאסן צו שטימען פאר א דעמאקראטישן פרעזידענט, און אויך פאר דעמאקראטישע סענאט קאנדידאטן, מיט די האפענונג אז די דעמאקראטן זאלן אויך צוריקגעווינען א מאיאריטעט אין סענאט.

(מער באריכטן און אנאליזן אי״ה אין ״די צייטונג״ פון מיטוואך צופרי.)

דער טויט פון סקאליא וועט אויך האבן א ווירקונג אויף עטליכע וויכטיגע אפעלאטן וואס שטייט איצט פאר׳ן סופרים קארט, וואס אויב עס וועט זיין א צעטיילטער אורטייל פון 4 קעגן 4, די 4 קאנסערוואטיווע ריכטער וואס זענען נאמינירט געווארן דורך רעפובליקאנער פרעזידענטן קעגן די 4 ליבעראלע ריכטער וואס זענען נאמינירט געווארן דורך די דעמאקראטישע פרעזידענטן, בלייבט אין קראפט דער אורטייל פונעם פעדעראלן אפעלאט געריכט, אבער דאס איז נישט קיין פרעצעדענט פון וואס מ׳קען זיך לערנען ביי ענליכע פראגעס אין אלע געריכטן פון לאנד.

אין די פרעסע איז שוין געווען פול מיט שפאקולאציע איבער מעגליכע קאנדידאטן פאר אבאמא צו נאמינירן, אבער אבאמא וועט צוערשט דארפן באשליסן ווי אזוי עס איז אים בעסער איינצופעדעמען דעם קאמף מיט די רעפובליקאנער איבער׳ן סופרים קארט. ער קען נאמינירן א געלונגענעם קאנדידאט, אפילו עמיצער וואס איז נישט 100 פראצענט ליבעראל, וואס דאס זאל מאכן מיאוס׳ער אויסזען די רעפובליקאנער ווען זיי וועלן נישט לאזן באשטעטיגן אזא ריכטער, וואס לויט ווי מ׳הערט איצט וועט דאס אפילו נישט קומען צו קיין פארהער אין די סענאט יורידישע קאמיטע! דער חסרון פון אזא סטראטעגיע איז, אז אויב אזא קאנדידאט פאלט איצט דורך, וועט דאס זיין א פלעק (אפילו עס איז נישט זיין שולד) אויף דעם קאנדידאט ווען דער קומענדיגער פרעזידענט (אויב א דעמאקראט וועט געווינען אין נאוועמבער) וועט טראכטן וועמען צו שיקן צום סופרים קארט.

עס קען אבער זיין אז אבאמא וועט נאמינירן אן ״עכטן״ ליבעראלן ריכטער, נאך מער אויפצורעגן די רעפובליקאנער אז זיי זאלן האקן אינגרויסן קעגן דעם קאנדידאט, וואס אזוי וועט דאס ברענגען מער סימפאטיע צו די דעמאקראטן אין דעם וואל קאמפיין. צ.ב.ש., אויב ער נאמינירט א שפאנישן קאנדידאט, וועלן אויטאמאטיש אלע שפאנישע בירגער זיך אפרעכענען מיט די רעפובליקאנער און שטימען פאר אלע דעמאקראטישע קאנדידאטן אין אלע סטעיטס וואו עס געפינען זיך שפאנישע וויילער.

אויב אבאמא וועט נאמינירן א שווארצן קאנדידאט, וועט דאס ארויסברענגען די שווארצע מאסן צו שטימען פאר די דעמאקראטישע קאנדידאטן אין נאוועמבער.

עס איז נישטא קיין באשטימטע צייט ביז ווען דער פרעזידענט מוז נאמינירן א נייעם ריכטער.

מ׳זעט אז זינט די רעפובליקאנער האבן די מאיאריטעט אין סענאט, האלטן זיי צוריק די אבאמא ריכטער נאמינאציעס. צ.ב.ש., אויפ׳ן פעדעראלן אפעלאט געריכט אין וואשינגטאן, וואס האט א מאקסימום פון 11 ריכטער, האט מען ערשט לעצטענס באשטעטיגט איינעם פון די קאנדידאטן וועמען אבאמא האט נאמינירט, און עס איז נאך דא 3 ליידיגע זיצן. דאס אפעלאט געריכט אין וואשינגטאן ווערט באטראכט ווי דאס צווייטע וויכטיגסטע געריכט אין אמעריקע, ווייל דארט קומען אן די אפעלאטן פון אלע אנקלאגעס וואס מ׳גיט אריין קעגן פעדעראלע רעגירונג אגענטורן, וואס זענען הויפטקווארטירט אין וואשינגטאן. מ׳קען זיך אליין פארשטעלן וויפיל שווערער עס מאכט די ארבעט פאר׳ן געריכט, אויב זיי האבן נישט גענוג ריכטער.

ביי אן אפעלאט, זיצן געווענליך 3 ריכטער. אויב מ׳האט נישט גענוג אפעלאט ריכטער, איז גענוג אז איינער פון די 3 איז פונעם אפעלאט געריכט, און די אנדערע 2 קענען זיין פון די דיסטריקט געריכטן, און מוזן אפילו נישט זיין פון דעם דיסטריקט וואו דער אפעלאט ווערט געהערט.

אויך ביי די דיסטריקט ריכטער ״שפילן פאליטיק״ די רעפובליקאנער סענאטארן, וואס עס איז שוין געגאנגען אזוי ווייט, אז ווען די דעמאקראטן האבן געהאט א מאיאריטעט אין סענאט ביז צו די וואלן פון 14׳, האט דער מאיאריטעט פירער סענאטאר הערי ריעד דורכגעפירט אן ענדערונג אז ביי ריכטער קאנדידאטן - מיט׳ן אויסנאם פון סופרים קארט - קען דאס באשטעטיגט ווערן מיט אן איינפאכע מאיאריטעט, דארט קען א פיליבאסטער אפגעשטעלט ווערן מיט 51 שטימען אנשטאט 60, ווייל די רעפובליקאנער סענאטארן האבן געשטערט אלע אבאמא ריכטער נאמינאציעס מיט פיליבאסטערס.

# דזשורי פאראורטיילט פאליסמאן וואס האט ״בטעות״ געשאסן שווארצן אין פינסטערן קארידאר

## – זיין קאלעגע פאליסמאן אויפגעזאגט –

פאריגע וואך דאנערשטאג אוונט האט די דזשורי פאראורטיילט דעם פאליסמאן פיטער ליאנג אלס שולדיג אויף דעם העכסטן פונקט פון די אנקלאגע, ״מענסלאטער מארד״ דורך אומפאראנטווארטליכע נאכלעסיגקייט. אויף דעם קען ער באקומען מאקסימום 15 יאר טורמע, ווען דער ריכטער וועט אים פאראורטיילן אפריל 14.

ער איז אויך פאראורטיילט געווארן אלס שולדיג אויף נאכלעסיגקייט אין דינסט ווייל ער האט נישט געהאלפן ראטעווען דעם געשאסענעם אקאי גורלי זענדיג ווי ער איז געלעגן שטערבליך פארוואונדעט, און עס האט געדויערט א לענגערע צייט ביז ער האט טעלעפאנירט צו בעטן הילף, אדער איינמעלדן אז ער האט געשאסן עמיצן. אויף דעם דראט אים אבער נישט קיין באזונדערע שטראף, אויב ער וועט אפגעשיקט ווערן אין טורמע צוליב די מער ערנסטע קלאגע.

אויב דער ריכטער וויל, קען ער מינימיזירן דעם אורטייל אויף א קלענערע קלאגע, וואס דאן וועט אים לייכטער זיין צו באשטראפן דעם (געוועזענעם) פאליסמאן מיט פראבעישאן אדער אנדערע סארט שטראף. ליאנג׳ס אדוואקאטן גרייטן איצט צו א געזוך צום ריכטער ארויסצוווארפן דעם שולדיג אורטייל, ביי וואס זיי וועלן אויסרעכענען פארשידענע לעגאלע פונקטן אויף וואס זיי בויען אס, אבער זיי וועלן אויך פארלאנגען אז דער ריכטער זאל נעמען אין באטראכט א מילדערן פארברעכן ווי די העכסטע קלאגע אויף וואס מ׳האט אים פאראורטיילט, און עס איז דא גאנץ גוטע אויסזיכטן אז דער ריכטער זאל רעדוצירן דעם פארברעכן אורטייל.

באלד אויפצומארגענס, פרייטאג, האט די פאליציי אויף געמאלדן אז דער אנדערער פאליסמאן שאון לאנדא איז אויפגעזאגט געווארן, אזוי ווי ער האט נישט ערפילט זיינע פאליציי פליכטן ביי דעם שיסעריי, מיט נישט זאפארט ארייטעלעפאנירן וואס עס איז פארגעקומען, און אויך ווייל ער האט נישט פרובירט העלפן ראטעווען דעם געשאסענעם מענטש.

דער אורטייל איז געקומען פון די דזשורי פאר 7:00 אזייגער אוונט, אין אן איבערגעפולטן געריכטזאל פון פרעסע פארטרעטער, די פאמיליע און גוטע פריינד פון דעם פאליסמאן ליאנג אויף א פאדערשטע באנק אויף איין זייט און אויף די אנדערע זייט די פאמיליע און נאענטע פריינד פון גורלי. עס זענען אויך אנוועזנד געווען פארטרעטער פון די פאליציי יוניאן, און צענדליגער פרעסע און מידיא פארטרעטער נישט בלויז פון ניו יארק, נאר אויך פון אנדערשוואו, ווייל דער פראצעס איז געווען א סענזאציאנאלע נייעס וואס האט ארויסגערופן אינטערעסע איבעראל.

עס איז געווען א העכסט איבערראשנדער אורטייל, ווייל עס טרעפט זיך נישט געוועגליך אז א פאליסמאן זאל פאראורטיילט ווערן אויף מארד ביים שיסן עמיצן. די סימפאטיע פון די ריכטער און פון די אלגעמיינע מענטשן וואס זיצן אויף א דזשורי איז געוועגליך מיט די פאליסלייט, אנערקענענדיג די שווערע אומשטענדן אונטער וואס זיי מוזן ארבייטן, אז אפטמאל אויב זיי שיסן נישט ערשט, וועלן זיי געשאסן ווערן דורך א פארברעכער. דאס געזעץ ערלויבט פאר א פאליסמאן צו שיסן אויב ער שפירט זיך באדראעט אפילו ווען עס שטעלט זיך ארויס דערנאך אז דער געשאסענער האט נישט געהאט קיין גאן מיט וואס ער זאל שיסן דעם פאליסמאן.

עס איז שוין געווען ראיאטן אין אמעריקע ווען א ווייסער פאליסמאן האט געשאסן אן אומבאוואפנטן שווארצן, און אויך דא אין ניו יארק, איז געווען אן איבערקערעניש ווען א ווייסער פאליסמאן האט דערשטיקט א שווארצן אומבאוואפנטן דיקן מענטש אין סטעטן איילאנד, אין 14׳, ווען ער איז געשטאנען אונטער יענעם מאן און האט מיט זיין ארעם געקוועטשט דעם שווארצן ביים האלז ווען ער האט אים אראפגעווארפן אויף דער ערד צו קענען ארעסטירן, אויפ׳ן פארדאכט אז ער האט אומלעגאל פארקויפט ציגארעטלעך אויף די גאס. אין יענעם פאל האט א גרענד דזשורי אין סטעטן איילאנד נישט געוואלט אנקלאגן דעם פאליסמאן אויף קיין שום קלאגעס, און דער דעמאלט׳דיגער דיסטריקט אטוירני דען דאנאווען איז גאר א קורצע צייט שפעטער ערוויילט געווארן ווען ער איז געווען דער רעפובליקאנער קאנדידאט איבערצונעמען דעם זיץ וואס איז ליידיג געווארן ווען קאנגרעסמאן מייקל גרים האט געמוזט רעזיגנירן צוליב זיינע קרימינאלע אקטיוויטעטן!

דער איצטיגער שולדיג אורטייל אין ברוקלין איז געווען א גרויסער זיג פאר דעם נייעם דיסטריקט אטוירני קען טאמפסאן, וועלכער איז דער ערשטער שווארצער דיסטריקט אטוירני אין ברוקלין, אבער מען מוז אנווייזן אז עס איז געווען בלויז איין שווארצער אויף די דזשורי, ד.מ.. אז די ברוקלינער איינוואוינער וואס זענען געזעצן אויף די דזשורי, אפגעזען פון זייער ראסע, האבן ענדערש געגלויבט די באשולדיגונג אז דער כינעזער פאליסמאן ליאנג, וועלכער איז נאך געווען גאנץ ניי אין זיין פאסטן, האט געשאסן אין דעם פינסטערן שטיגן קארידאר אין די ריכטונג פון א מענטש וואס איז אריינגעקומען אין קארידאר איין שטאק נידריגער, וואס דאס איז געווען אן אומפאראנטווארטליכע זאך. ער האט געדארפט וויסן אז דער גערודער וואס ער הערט קומט פון א מענטש וואס גייט דארט, וואלט ער ענדערש געדארפט צוערשט שיינען זיין פלעשלייט וואס ער האט געהאלטן אין די אנדערע האנט, אנשטאט ערשט צו שיסן.

וויבאלד דער אורטייל איז באקאנט געווארן, איז ליאנג באזייטיגט געווארן פון זיין פאסטן. ביז איצט, זינט דעם שיסעריי אינצידענט, האט ליאנג געארבייט ״אינעוויניג״ ביי די פאליציי. דאס זעלבע איז מיט דעם אנדערן פאליסמאן וואס איז געווען אויף פאטראל מיט ליאנג ווען דער אינצידענט איז פארגעקומען, שאן לאנדא, אויך א ״רוקי״ (נייער פאליסמאן), וואס כאטש ער האט נישט קיין קרימינאלע אנקלאגע אויף זיך, אפילו נישט אויף די קלענערע קלאגע אז ער האט נישט צוגעלייגט א האנט צו העלפן ראטעווען דעם געשאסענעם, אדער אז ער האט נישט שנעל ארייטעלעפאנירט דעם אינצידענט, ווייל ער האט דאך באקומען אימוניטעט כדי ער זאל מוזן עדות זאגן ביים פראצעס קעגן ליאנג, אבער עס האט אויך געווארט אויף לאנדא אן אינערליכע פאליציי פראצעס, וואס ווי מיר האבן שוין פריער געזאגט, האט ער פארלוירן זיין פאסטן אבער די פאליציי האט געווארט מיט דעם ביז נאכ׳ן דזשורי אורטייל אויף ליאנג, ווארשיינליך צו הערן וואס 12 דורכשניטליכע בירגער האבן צו זאגן איבער די טראגעדיע, און אויך ווייל לאנדא׳ס עדות׳שאפט וואלט מעגליך געטראגן א שוואכערן געוויכט אויב מ׳וואלט שוין געוואוסט אז די פאליציי האט אים באזייטיגט. עס קען אבער אויך זיין פארקערט, אז דאס וואלט מער געשאדט פאר ליאנג, ווען די דזשורי וואלט געזען אז ביי די פאליציי פירערשאפט איז די ווירטשאפט פון די 2 פאליסלייט באטראכט געווארן ווי גענוג פעלערהאפטיג, אז מ׳האט אוועקגעשיקט לאנדא פון זיין אמט.

אויך ווארט אויף ביידע א ציווילע אנקלאגע פון גורלי׳ס פאמיליע.

דער ריכטער האט ווייטער געלאזט ליאנג אינדרויסן אויף בעיל.

ליאנג׳ס אדוואקאטן האבן פארשפראכן אן ענערגישן אפעלאט, און זיי האבן געוויסע פונקטן אויף וואס צו בויען דעם אפעלאט, איבערהויפט נאכדעם ווי דער ריכטער דעניס טשאן (אגב אויך א כינעזער) האט צוריקגעוויזן דעם פארלאנג פון דעם אדוואקאט, מיטוואך, אויף א ״מיסטרייעל״ (ד.מ. ענדיגן דעם פראצעס אן קיין אורטייל) מיט די טענה אז דער געהילף דיסטריקט אטוירני וואס האט געמאכט די שלוס רעדע פאר די דזשורי האט געטוישט די סטראטעגיע. אין לויף פון פראצעס איז די באשולדיגונג געווען אז ליאנג איז געווען קרימינאל נאכלעסיג ווען ער האט געשאסן אין די שטיגן, וואס די קויל האט צוריקגעקלאפט פון די צעמענטענע וואנט און האט געלעכערט דאס הארץ פון גורלי, וואס איינער פון די אדוואקאטן האט באצייכנט ווי א זאך וואס געשעט בלויז איינמאל אין א מיליאן. ביי די שלוס רעדע האט דער פראקוראר געשריגן צו די דזשורי אז ליאנג האט ״געוואלט״ שיסן אין די ריכטונג פון דעם מענטש וואס איז אריינגעקומען ביי די שטיגן.

דאס איז געווען מער העצעריש, מער אויסגעשטעלט אויפצורעגן די דזשורי ווייל דא האט דער פראקוראר צום ערשטן מאל באשולדיגט אז ליאנג האט יא געוויסט אז ער שיסט אויף א מענטש, און אזוי ווי דער פראקוראר האט דאס לעצטע ווארט פאר די דזשורי, זענען די דזשורארס געבליבן מיט אויפגעהעצטע געפילן, וואס ליאנג׳ס אדוואקאטן האבן שוין נישט געקענט אפענטפערן.

לויט׳ן געזעץ, מוז א פראקוראר צושטעלן פאר׳ן באשולדיגטן (פאר זיינע אדוואקאטן) די געלעגנהייט זיך צו פארטיידיגן, וואס מיינט אז מ׳מוז געבן א ליסטע פון די עדות פון פריער (סיידן מיט געוויסע אויסנאמען) כדי די פארטיידיקונג אדוואקאטן זאלן קענען נאכפארשן די פארגאנגענהייט פון יענע עדות, צו זען צי יענער האט שוין געהאט א קרימינאלן רעקארד אדער אנדערע פעלערן וואס קען

## דזשורי פאראורטיילט פאליסמאן וואס האט "בטעות" געשאסן שווארצן אין פינסטערן קארידאר

גענוצט ווערן אפצופרעגן די עדות'שאפט. די זעלבע קען נישט א פראקוראר אריינריקן די לעצטע מינוט א פרישע קלאגע, וואס גיט נישט פאר'ן באשולדיגטן א געלעגנהייט זיך צו פארטיידיגן קעגן דעם. דאס איז א שטארקע טענה פאר ליאנג, אז אויב דער פראקוראר וואלט אין לויף פון פראצעס געצילט צו באאיינפלוסן די דזשורי אז ליאנג האט באוואוסטזיניג געשאסן אראפ אין די ריכטונג פונע מענטש וואס איז אריינגעקומען אינעם פינסטערן קארידאר, וואלטן זיי זיך פרובירן צו פארטיידיגן קעגן אזא געדאנק וואס ווערט איינגעפלאנצט אין מח פון די דזשורארס. עס איז נישט יושר אז א פראקוראר זאל ממש אין די לעצטע מינוט, ווען די פארטיידיקונג קען שוין אויף דעם נישט ענטפערן, מאכן אזא נייע באשולדיגונג. דער ריכטער האט צוריקגעוויזן דעם מיסטרייעל פארלאנג, ווייל ווען דער ריכטער גיט זיינע געזעץ אנווייזונגען צו די דזשורי, פאר זיי גייען אריין פארהאנדלען, זאגט אן דער ריכטער אז די איינציגע זאכן וואס זיי מעגן נעמען אין באטראכט איז וואס זיי האבן געהערט פון די עדות שטול, אדער די באווייזן וואס דער ריכטער האט בארעכטיגט צו געבן פאר די דזשורי. די רעדעס פון די אדוואקאטן פון ביידע זייטן זענען נישט קיין באווייזן!

ווען דער פארזיצער פון די דזשורי האט דאנערשטאג אווענט געענטפערט אויף די אנפראגע פונעם געריכט סעקרעטאר וואס זייער אורטייל איז, זאגנדיג "שולדיג" אויף די צוויי פריערדערמאנטע קלאגעס, האט מען געזען אן אויסדרוק פון אומגלויבליכע ערשטוינונג ביי די אדוואקאטן פון ליאנג. ער אליין האט זיך עטליכע סעקונדעס שפעטער אראפגעבויגן דעם קאפ און אנגעכאפט זיך מיט די הענט אויפ'ן קאפ. אין געריכטזאל האט דער ריכטער געווארנט פאר די דזשורי איז אריינגעקומען אז יעדער זאל זיין שטיל, אבער מען האט געהערט א פארכאפטן אטעם פון איבערראשונג ווען מען האט געהערט "שולדיג", און די פאמיליע פון גורלי האבן זיך געהאלדזט און געוויינט.

דער שולדיג אורטייל איז געווען א הויפט נייעס איבעראל.

# $10,000 באלוינונג צו כאפן שווארצן אנפאלער וואס האט געשטאכן איד אין קראון הייטס

### יהודא לייב בן רבקה לרפו"ש

א 25 יעריגער יונגערמאן, יודא לייב בריקמאן, איז געשטאכן געווארן דאנערשטאג ארום 11:45 צופרי ווען ער איז געגאנגען אויף עמפייער בולעווארד צווישן קינגסטאן און אלבאני עוועניוס. מען זעט אויף עטליכע פילמס ווי דער שווארצער אנפאלער שטעכט אריין דאס מעסער אין רוקן פון דעם יונגערמאן, פאר וועמען ער האט געלעכערט א לונג. דער איד איז אפגעפירט געווארן פאר עמוירדזשענסי באהאנדלונג אין קינגס קאונטי שפיטאל, און די פאליציי האט מאביליזירט אירע בעסטע דעטעקטיוון צו כאפן דעם אנפאלער.

די "עי. די. על." האט באלד אנגעבאטן א באלוינונג פון $5,000, און אינאיינעם מיט אנדערע אנבאטן האט שוין די סומע געהאלטן ביי $10,000 פרייטאג צופרי, פאר אינפארמאציע וואס וועט פירן צום ארעסט פון דעם אנטיסעמיטישן אנפאלער.

דער יונגערמאן האט ערשט עטליכע וואכן צוריק חתונה געהאט, און יעדער איז מתפלל פאר יהודא לייב בן רבקה לרפו"ש בתוך שאר חולי ישראל אכי"ר.

אין א פרישן פילם וואס די פאליציי האט געטראפן זעט מען ווי דער אנפאלער האט זיך רואיג שפאצירט אויף די גאס, ארום צען מינוט נאך די אטאקע, נישט מורא האבנדיג פאר גארנישט און פאר קיינעם.

די פאליציי פארשט צי דאס האט געהאט א פארבינדונג מיט אן אנדערע אטאקע וואס איז פארגעקומען אין נאוועמבער, ווען עמיצער האט געשטאכן א 34 יעריגן "הצלה מיטגליד", ווען יענער איז געגאנגען אויף איסטערן פארקוועי.

עס זענען אפגעהאלטן געווארן צוויי פרעסע קאנפערענצן דאנערשטאג נאך די אטאקע. דאס ערשטע איז געווען אין די בעדפארד סטייוועסענט געגענט, אנגעפירט פון בארא פרעזידענט עריק עדעמס אין וואס עס האבן זיך אנגעשלאסן סטעיט סענאטאר דזשעסי העמילטאן, דער אידישער קאונסילמאן מארק קריגער און צוויי שווארצע קאונסיל מיטגלידער, דער ראיאנאלער דירעקטאר פון די "עי. די. על." עוואן בערנשטיין און אויך די מאמע פון ארי האלבערשטאם הי"ד וועלכער איז געשאסן געווארן אויף די ברוקלין בריק דורך אן אראבישן אנפאלער, 21 יאר צוריק.

פארנאכטס האט פובליק אדוואקאט לעטישא דזשעימס אנגעפירט א פרעסע קאנפערענץ אין אפיס פון קראון הייטס אידישן קאמיוניטי קאונסיל מיט די באטייליגונג פון פאליטישאנס און קאמיוניטי פירער.

דער מאמע פון דעם געשטאכענעם יונגערמאן האט באדאנקט אלע באטייליגטע וואס קומען ווייזן שטיצע. זי האט אויסגעדרוקט איר וואונדער אז איר זון האט געקענט געשטאכן ווערן אינמיטן טאג אויף א גאס וואס איז פול מיט מענטשן. זי האט אבער געדאנקט דעם באשעפער, אז ער האט געראטעוועט זיין לעבן.

זי האט אויך געשילדערט ווי שווער עס איז געווען פאר איר ארויסצורופן פון די שולע איר נייע שנור, א טיטשער, איר איינצומעלדן אזא בשורה.

זי האט געענדיגט מיט די הארציגע בקשה וואס קען נאר קומען פון א מאמע'ס הארץ, אז מען זאל טרעפן דעם מערדער (ער האט דאך געוואלט הרג'ענען איר זון) און טראץ זיינע שווערע וואונדן, האט איר זון לייבי בלויז איין געדאנק, אז מען זאל ווי פריער כאפן דעם אנפאלער כדי יענער זאל נישט קענען שעדיגן נאך מענטשן!

